# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
S’Vert Kil (It's Getting Cool)

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/4bg6b7zh

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 94(1)

### Author
Shlevin, B.

### Publication Date
1979-09-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

ב. שלעווין / פּאַריז

# ס'ווערט קיל...

(דערציילונג)

1.

דער פֿאַרנאַכט הינטער די סאָסנע־וועלדער, וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין טייך לואַר, האָט זיך געזעצט אין ראָזע און בלייכע קאָלירן. ס'האָט מיט אַ מאָל געצויגן פֿון ערגעץ אַ פֿרישע קילקייט. דער געעלטערטער ייִד, זיידען, איז נאָך לאַנג זיצן־געבליבן אין דער וויגשטול אויף דער וועראַנדע, אונטערן קריכנדיקן בלעטערוואַרג, פֿאַרקוקט אין צופֿאַלנדיקן אָוונט. די פֿרעמדע לאַנדשאַפֿט האָט אים דערמאָנט אין אַן אַנדער לעבן. ביידע זין זענען דאָס יאָר צוגעשטאַנען, ער זאָל פֿאַרברענגען צוזאַמען מיט זייערע משפּחות דעם זומער. זיי זענען זיך אַלע צוזאַמענגעקומען אין שטילן דאַטשע־דערפֿל ביים לואַר, אַ געגנט פֿון סאָסנעס, בלעטערוועלדער און מיטלאַלטערלעכע, האַלבחרובע שלעסער אויף די הויכקייטן. עס זענען געוועזן ביידע נישט־ייִדישע פֿרויען און די אייניקלעך. ער איז שוין נישט געוועזן יונג, דער פֿאָטער, האָט געטראָגן אויף זיינע מידע אַקסלען אַ גאַנצן שטורמישן דור. קיין געמיינזאַם לשון מיט די קינדער און אייניקלעך האָט ער מער נישט געהאַט, ווי ער וואָלט עס געפֿילט אויף זיין אייגענעם געוויסן.

זיי האָבן דאָ פֿאַרנומען דעם גאַנצן הינטערשטן פֿליגל פֿון אַן אַלטמאָדיש, פּראָווינצער מאַסיוו הויז פֿון געטעסעטע שטיינער, אין אַ טיפֿן גאָרטן. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען אַרום אַלטן פֿאָטער מיט שטילע טריט. מ'איז שווייגנדיק געזעסן אַרום טיש ביי די מאָלצייטן. מ'האָט זיך אויפֿגעהויבן און יעדער איינער איז אַוועק אין זיין ווינקל, פֿאַרטיפֿט אין אַ ביכל.

זינט דאָס ווייב איז אים אָפּגעשטאָרבן האָט ער אין די לעצטע פּאָר יאָר געלעבט איינזאַם אין זיין פּאַריזער דירהלע. אַלץ איז זיך פֿאַנאַנדערגעפֿאַלן — די אידעען, די ייִדישע פּראָבלעמען, דאָס משפּחה־לעבן, וואָס האָט פֿון דעסטוועגן אויסגעזען צו זיין גאַנץ. ער איז דאָ אָפּגעזעסן אין די נאָך־מיטאָגן, אין קילן שאָטן פֿון אַן אַלטן קאַשטאַן־בוים, די אויגן צוגעלעגט, און געהערט אַרום זיך דעם פֿריילעכן געפּלאַפּל פֿון די אָפּגעפֿרעמדטע שנורן און אייניקלעך. זיי האָבן דאָרט גערעדט אויף אַ פֿרעמד לשון. און ער, אַ ייִד פֿון פּוילן — טאַקע, וואָס קען ער זיי דערציילן אין אַ פֿרעמד לשון וועגן ייִדישע צרות, ייִדישע זוכענישן? ער האָט פֿון מאָל צו מאָל אַריינגעקוקט אין אַ ייִדיש ביכל, די ברילן אָנגערוקט איבער דער נאָז. אין דער גרויסער וועלט טוען זיך ווידער אָפּ נייע אומגליקן. אַלץ פֿירט ווידער מסתּמא צו אַ וועלט־אונטערגאַנג. וואָס איז אים שוין די נפֿקא־מינה? אפֿילו אין קיין צייטונג האָט ער כמעט נישט אַריינגעקוקט.

אין אָוונט איז מען שווייגנדיק געזעסן ביים נאַכטמאָל אויף דער ליכטיקער וועראַנדע. ס'האָט געצויגן אַ קיל ווינטל פֿון די פֿינצטערע וועלדער. ביידע פֿרויען פֿון די זין האָבן זיך געפּאָרעט אין קיכל, צודערלאַנגט צום טיש. דער אַלטער האָט קוים עפּעס טועם געווען. ער האָט געפּרוּווט אַ רעד טאָן מיטן עלטערן זון, אַריינגעוואָרפֿן אַ וואָרט וועגן ייִדישע תּכלית־פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן אים אין די שלאָפֿלאָזע נעכט. אָבער ווי פֿאַר זיי, די אונטערגעוואַקסענע, אין אַזאַ בייזער, אומברחמנותדיקער וועלט פֿון סתּירות, וואָלט שוין אַלץ קלאָר געווען. זיי גייען מיטן בלינדן שטראָם, ווי ער אַליין איז אַמאָל געגאַנגען, ביז פֿון אַלעם האָט זיך אויסגעלאָזן — אַבסורד, אַ וויסטע אויסדאַכטעניש. דער עלטערער, דער אינטעלעקטואַל, איז דאָרט ווידער פֿאַרטאָן אין דער סאָציאָלאָגיע. אָבער וווּהין פֿירט זי? דער זון האָט דוכט זיך גערעדט גאַנץ לאָגיש, נישט צום אָפּווענדן:

— איר אַלע, ייִדן פֿון פּוילן, מיט אייך ענדיקט זיך אַן עפּאָכע. ס'איז אמת, ס'איז געווען אַ גרויסער מאָרד. אָבער וואָס האָט איר דען איבערגעגעבן דעם נייעם דור פֿון אייער ציוויליזאַציע? אייער וועלט איז

פאַר אונדז אַ פרעמדע וועלט. אייערע ביכער וועלן אפשר אַמאָל זיין שטודיר־מאַטעריאַל פאַר די געלערנטע אין אוניווערסיטעטן...

דער אַלטער האָט געמוזט מודה זיין, אַז ס'איז אמת. מיר האָבן דאָ גאָר נישט באַוויזן איבערצופלאַנצן פון אונדזער יידישקייט. זיי גייען אַוועק, דאָס יונגוואַרג, זיי וועלן איינגאַנצן אַוועקגיין. אונטערן קריכנדיקן גרינס, אויף דער וועראַנדע, איז געשטאַנען אַ שווייגן. איבערן קאָפּ — אַ הימל, אָנגעזעצט מיט שטערן. פרעמדע שטערן, אונטער אַ פרעמדן הימל.

ס'איז געווען אַ יאָר אָנדערהאַלבן נאָך דעם ווי דאָס ווייב איז אים אָפּגעשטאָרבן. ליקווידירט אַלע זיינע קאָפּ־פאַדרייענישן אין זיין געוועלב אויף רי דע טירען, האָט ער איצט געהאַט אַ סך צייט; אַרומגעדרייט זיך איבער ליידיקע שטיבן, געפרוווט אַריינקוקן אין אַ ביכל, אין אַ ספר. אין דער ביכער־שאַנק איז געהאַט אָנגעפאַלן אַ שטויב. שוין לאַנג אַז ער האָט זיך דאָרט נישט צוגערירט. ער האָט אַלץ אָפּגעלייגט אויף רואיקערע צייטן. פונקט ווי ביי זיין פאָטער אין ספרים־שענקל איז אַמאָל געשטאַנען אַן אַלטער ש"ס, אַ רמב"ם, אַ משניות, איז ביי אים געשטאַנען — מענדעלע, פרץ, שלום עליכם. דאָס איז געווען ז י י ן וועלט, לעבנס, וואָס זענען אים איינגעבאַקן פון דער אַלטער היים. די אונטערגעוואַקסענע זין האָבן געקוקט מיט אַ ביסל רחמנות און מיט אַ ביסל ביטול אויף זיין ביכער־שענקל, אויפן יידישן בלאַט, וואָס די פּאָסט האָט יעדן טאָג געבראַכט. די קינדער, האָט ער געוווסט, וועלן עס זיכער אַרויסוואַרפן אין מיסט אַריין איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר.

ער האָט זיך איצט געכאַפּט — וואָס איז דער געיעג? פאַר וועמען האָט ער דאָ איינ־צורייסן? די זין זענען זיך אַוועק יעדער אויף זיין וועג. איינער איז אַ לינקיסט. עפּעס פון די טראָצקיסטן. וויל מער נישט וויסן און הערן פון יידישע דאגות, וואָס מאַטערן אונדז יעדן טאָג. ער לאַכט זיך אויס, וויזט אים אויף, אַז זיי זענען דאָרט נישט גערעכט קעגנאיבער די אַראַבער. ס'וועט שוין באַלד נישט זיין ביי וועמען צו מאָנען אַ פּאַר פראַנק פאַר ישראל.

אפילו די ברייט־צעלייגטע געוועלבער פון דער קאָנפעקציע אויף די טירן, די ד'אַבוקיר, פאַרשווינדט צוביסלעך דאָס אַלטוואַרג. יונגע חברה שטייען דאָרט, אין די אויסגעפוצטע געוועלבער, פול באַלייגט מיטשטאָפן פון דער שיינער קאָנפעקציע; יונגע מיידלעך, זין, טעכטער, אייניקלעך. כמעט אַלע זענען דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשיניערן, אָבער טייל פון זיי האָבן ביסלעכווייז איבערגענומען די געשעפטן, רעדן אָבער נישט קיין וואָרט יידיש.

אומעטום האָט דער זיידע געזען נאָר אונטערגאַנג, פאַרשווינדונג. אַלץ צערינט פאַר אונדזערע אויגן. ער האָט טאַקע אַ שטיקל פאַרמעגן. פאַר וועמען? צוליב וואָס?

אפילו צווישן די לאַנדסלייט, אין דער סאָסיעטע, איז ער זעלטן ווען געקומען. ער האָט איצט צייט געהאַט אַריינצוכאַפּן זיך אויפן יערלעכן יזכור־אָוונט און אויפן יערלעכן באַנקעט. נאָכן פייערלעכן יזכור־אָוונט אין דער סאָסיעטע „קינדער פון קליין־ווישקאָוו", ווו ס'איז זיך צונויפגעקומען אַ שיטערער עולם, איז אין די אָנהייב ווינטער־חדשים געוויינלעך געפּראַוועט געוואָרן דער יערלעכער באַנקעט. די געעלטערטע ווייבער, באַלייגט מיטן אַן אַ שיעור צירונג אויף די צעקנייטשטע העלדזער, אויף די אָדערדיקע הענט, די האָר צוגעפאַרבט, קאַרבירט אין לאָקנדלעך, האָבן מער נישט געהאַט ס'געמיט, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, צו פאָרען זיך פאַרפלאַמט, אָנגרייטן פון כל־טוב פאַרן בופעט אויפן יערלעכן באַנקעט. אין יענע יאָרן איז דער בופעט פול באַלייגט געווען מיט פולמעסיקעס געהאַקטע פיש, די היפּשע קאַרפּן־קעפּ מיט די מייערלעך פאַרשטעקט אין די פּיסקלעך, געזאָטן פלייש, גענדזנס, טאָרטן, לעקעכער, אַ גוט ביסל ווישניק, אַ פלעשל בראָנפן. אָ, דעמאָלט פלעגט נאָך קומען אַן עולם, ס'רוב אַרויפגעאַרבעטע יידן. די לעצטע יאָרן איז שוין געוויינלעך שיטערלעך דער עולם. פיל זענען אַוועק אויפן עולם האמת, מערסטנס געוועזענע דעפּאָרטירטע. מ'האָט זיי באַגלייט אויפן גוטן־אָרט אין באָניע, צום אייגענעם קאווע; און אַ גאַנצע וואָך זענען אין יידישן בלאַט נישט אַראָפּ די שוואַרצע רעמלעך.

דאָס מאָל איז זיך דער געעלטערטער עולם צוזאַמענגעקומען אויפן יזכור־אָונט אין קליינעם זאַל פון „מאָנומענט פאַרן אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער", ערגעץ אַרום „פלעצל". מען האָט ווידער אויסגעהערט די שטאַמלענדיקע קלאָג־רייד פון פרעזידענט, וואָס איז געווען אַ פראָסטלעכער ייד. דערפאַר איז אויפן באַנקעט געווען פול און רוישיק. דער יערלעכער באַנקעט איז לעצטנס געפראַוועט געוואָרן אין „יידישן קאַבאַרעט", ביים שוישפילער דיוווי. דאָרט איז געווען פאַרטונקלט ליכט, ווי אין די גויאישע קאַבאַרעטן, אַ קליינע בינע אין דער טיף; פון אַ זייטיק צימערל איז אַרויס דער אַקטיאָר, אין אַ צעקנייטשט קאַפעליושל אויפן פייערדיקגעלן קאָפ, אין אַ פאַרגלאַנצטן סמאָקינג מיט זיידענע קלאַפעס, מיט אַ שלייפל אויפן שטייפן העמד. ער איז געשטאַנען אויף דער קליינער בינע, געשאָטן מיט אַלטע וויצן צוויי־דייטיקע און דער עולם האָט געקייכט פון לאַכן. דער קליינער אָרקעסטער, מיטן אַקאָרדעאָן, מיטן הייזעריקן פידל, האָט באַגלייט די קופלעטן פון אַמאָליקן יידישן רעפערטואַר, די צוויי־דייטיקע טעאַטער־לידלעך. ער האָט אויך געזונגען, דער אַקטיאָר, דיוווי, ישראל־לידער, „ירושלים של זהב". דער עולם האָט מיטגעזונגען, געפאַטשט מיט די הענט, זיך פריילעך געווילט. דערנאָך איז דער אַקטיאָר אַראָפ זיך אַרומדינגען מיט די יידן. די סאָסיעטע־יידן זענען געווען שווערע בעלנים:

— וואָס עפעס אַזוי טייער? 100 פראַנק פאַר אַ פערזאָן?...

דער אַקטיאָר אין די שמאָלע הויזן, מיטן פייערדיק־געלן קאָפ, האָט מיט זיין פאַרקילטן טענאָר גענומען אויסרעכענען אויף די פינגער:

— אַן אָרקעסטער... אַקטיאָרן... נו, און אַ גוט שטיקל קאַרפן־קאָפ, אַ שטיקל הון, גייט צופוס?...

— איר וועט נעמען עפעס וויניקער אויך... — האָט דער פרעזידענט פון דער סאָסיעטע „קינדער פון קליין־ווישקאָוו" זיך געפרוווט אַלץ אַראָפצודינגען.

אַ פאָר פראַנק אַרויף, אַ פאָר פראַנק אַראָפ, און מ'איז דורכגעקומען אין גלייכע געלטער. שפעטלעך האָט זיך דער עולם גענומען פונאַנדערקריכן, און זיידען, אַן אומעטיקלעכער, איז צוריק אַוועק צו זיין פוסטער, ליידיקער היים, ווו ס'בלאָזט אַ ווינט פון אומעט. דער יידישער מענטש אין אונדזערע טעג — איז ער געקומען צום אויספיר — פרעסט זיך אַליין מיט אַלערליי מחשבות, קליינע פאַרדרוסן, אַלטע חשבונות; די אַלטע אידעען, וואָס צערינען, זענען נישט דערפילט געוואָרן. אַ לעבן אָפגעטומלט. אויפגעהאָדעוועט קינדער, געברענגט זיי צו אַ שטיקל תכלית, האָט ער איצט געזוכט כאָטש עפעס מתקן צו זיין. אַמאָל, אין די יונגערע יאָרן, האָט ער זיך מיטגעפאָרעט אין אַן אָרגאַניזאַציע, מ'האָט געהאַט אידעאַלן, מ'האָט געקעמפט. זיין שווער, פאַרשולדיקט געמיט — וואָס האָט ער דען אויפגעטאָן?

ס'האָט אים אַרויסגעטריבן. ער האָט זיך נאָך געפרוווט אַרויפכאַפן אין לאָקאַל. שוין לאַנג אַז ער האָט זיך דאָרט נישט געוויזן. אין קלוב זענען געזעסן אַ פאָר יידן און אַריינגעקוקט אין אַ יידישער צייטונג. אַרום זענען געשטאַנען וועגנט מיט יידישע ביכער, פאַרשטויבטע. קיינער האָט זיך כמעט צו זיי נישט צוגערירט. מ'האָט דאָ געשפילט אין אַ שאַך, אַ דאַמקע, האָבן זיך געלאַנגווייליקט. די לעצטע פרייהייט־קעמפער, וואָס גייען ביסלעכווייז אַוועק. זיי האָבן אַמאָל, אונטער די רויטע פלאַטערנדיקע פענער, אין יענעם דור, פייערלעך געשווירן: „ברידער, מיר האָבן געשלאָסן אויף לעבן און טויט אַ פאַרבאַנד". די פאָר געעלטערטע לייט קומען זיך נאָך צונויף, פייערן דעם ערשטן מאַי, היטן אָפ די יובילייִ־פייערונגען, צום יאָרטאָג, ווען ס'איז אַמאָל, דאָרט, אין אַ ווילנער בוידעם־שטיבל, געגרינדעט געוואָרן דער „בונד פון פוילן, ליטע און רוסלאַנד"...

ס'איז אַנומלטן אויך געווען אַ פאַרזאַמלונג פון אַ פאָר צענדליק אירע, אַלטע חברטעס און חברים. זיי האָבן נאָך אַלץ גערעדט וועגן אַמאָליקן באָדל־פראָלעטאַריאַט... באַריקאַדן־קאַמפן... סיבירער קאַטאָרגע... גרויע קעפ, באַקעטע שאַרבנס. ביי די געעלטערטע ווייבער — אַביסל צוגעפאַרבט. אָבער מאָדנע, עפעס אַן אַלט פייער האָט נאָך אַלץ געלויכטן אין זייערע מידע אויגן, אונטער די שפאַקולן. כאָטש

אַלע זייערע הייסע רייד זענען געווען פֿון אַן אַנדער רעאַליטעט. מ'איז מודה אַלטע חטאים. איינער שפּרינגט גאָר אַרויס: „ס'איז גאָר געווען אַן איינרעדעניש... מ'האָט געמאַכט דעם חשבון אָן באַלעבאָס. ס'איז פֿון אָנהייב אָן געווען אַ סתירה"... איבערן זאַל איז געהאָנגען אַ נעפּל פֿון די פֿאַרשווונדענע בליקן, אַ רויך פֿון סיגאַרעטן. זיי שלינגען פּילן קעגן אַלערליי קראַנקייטן, טרינקען אַ גלעזל טיי אָן צוקער, מיט סאַכאַרין. אָבער מען דעבאַטירט, מען אַפּאָנירט מיט אַלטע ליידנשאַפֿטן. איינער, אַ קרוב בן־שמונים, האָט געשטורעמט מיט אַלטן פֿייער:

— אַוודאי מוז די יוגנט זוכן נייע איינהאַלטן און נייע יידישקייט־ווערטן. וואָס האָבן מיר דען געגעבן אונדזערע קינדער? קאָמפּראָמיסן... פּשרות, צופּאַסן זיך... זיי לעבן זיך אויס אין פּרעמדע קולטורן. אָבער אונדזער יידישע געשיכטע ענטפֿערט דעריף מיט אַ קאַטעגאָרישן: ניין! צוטראָגן ווידער יידישע קולטור־ווערטן אין פּרעמדע לשוונת, הייסט פּאַקטיש רעזיגנירן. יידיש מיינט — יידיש לעבן, געמיט, טויזנט־יאָריקע קולטור־ירושה. יידישהאָט אויסגעפֿורעמט אונדזער סאָציאַלן גייסט, אונדזער נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט, דער אינטימסטער אויסדרוק פֿון אונדזער יידישע נשמה. עס איז אַ פֿאַלשע אילוזיע. מיר מוזן ווידער אויפֿבלאָזן דעם פֿלאַם פֿון גלויבן...

די פּאַטעטישע רייד פֿון זקן זענען באַגלייט געוואָרן מיט אַ פּאָר שיטערע האַנטפּעטשלעך. ביז די געעלטערטע חברים און חברטעס האָבן זיך שפּעטלעך צוריק אַראָפּגעשאָטן די הויכע פֿינצטערע שטיגן אינעם אַלטן הויז. די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען האָבן זיך געווינלעך פֿאַרצויגן ביז שפּעט. עס זענען נאָך געווען דיסקוסיעס, וויכטיקע פּלענער, ביז די גרויסע לאָמפּן האָבן זיך איינס נאָכן אַנדערן גענומען לעשן. דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער חבר מאיר איז געגאַנגען פֿון איין צימער אין אַנדערן, אַ בליק אַליין געטאָן אין דער ביבליאָטעק מיט די טויזנטער ביכער צעשטעלט אויף די פּאָליצעס. ס'האָט דאָרט געצויגן אַ לייכטער ריח שימל, פֿאַרדומפּן; אין גרויסן זאַל זענען די שטולן געווען פֿונאַנדערגערוקט. אויף דער קליינער עסטראַדע, ביים פּרעזידיום־טיש מיט רויטן געוואַנט באַצויגן, האָבן זיך געוואַלגערט פּאַפּירלעך, צעטעלעך, טעזן, פֿאָרשלאַגן צום פּאָרזיצער, און ער איז, אַביסל אומעטיקלעך, אַוועק צושפּאַרן די טיר. פֿון די ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט די פּאָרטרעטן פֿון די פֿאַרשטאָרבענע, פֿון די אומגעקומענע פֿירער; זיי האָבן אין יענע יאָרן געמאַכט געשיכטע; די יידישע קלאַסיקער, מיט זייער ווייטן, פֿאַרגייסטיקטן בליק.

דער אַלטער זיידען איז אַרונטער די פֿינצטערע שטיגן און האָט זיך דערמאָנט אַז ער פּלעגט אַהער קומען מיט זיין פֿרוי. די חברטע עמאַ. זי איז שוין לעצטנס נישט געווען קיין „לייט", איז מער געלעגן ווי אַרומגעגאַנגען. ווען זי האָט זיך שטיל אויסגעלאָשן, האָט ער זיך פּלוצים גענומען אַרומקוקן איבער די פֿאַרטונקלטע צימערן, אַלץ איז דאָרט געווען איבערגעקערט, צערודערט—דאָס פֿאַרעלטערטע מעבל — באַזעצט מיט שטויב, צעראָיעטע שאַפֿעס. אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט צייטונגען, ביכלעך, בראָשורן. ס'זיינען געשטאַנען פֿאַרדומפּענע ריחות. ער האָט אויפֿגעשפּאַרט די פֿענצטער אין טונקעלן הויפֿל אַריין. ביי אַרונטערגעלאָזענע פֿאָרהאַנגען האָט ער אָוונט־צייט אָנגעצונדן דעם גרויסן אַלטמאָדישן זשיראַנדאַל, ס'זאָל זיין אַביסל היימלעכער, און האָט דערפֿילט — עפּעס שוועבט דאָ נאָך אַלץ אַרום איר גייסט. דאָס שויבן־שענקל מיט די געליישטע רוקנס פֿון יידישע ביכער איז געשטאַנען פֿאַרמאַכט, ווי אַן אָרון קודש. ס'איז געווען ווען די קינדער זענען איין מאָל אַרויפֿגעקומען, זיי האָבן געהאַט דעם איינדרוק אַז דער אַלטער איז אין די לעצטע יאָרן אפֿילו פֿרומלעך געוואָרן; הגם ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן געטראָגן מיט זיך אידעאַלן, געהערט צו דער „באַוועגונג".

אין די פֿאַרנאַכטיקע שעהען איז ער טייל מאָל אַרונטער אין דער קאַפֿע אויף פּלאַס רעפּובליק. דאָרט זענען געזעסן יידן און יידענעס ביי אַן אויסגעקילט טעפּעלע קאָפֿע. די גאַרסאָנען האָבן געקוקט אויף זיי מיט אַ קרום אויג. זיי רעדן לשון־הרע, בטלענען, אַבי די צייט זאָל אַוועקגיין. דאָרט ווערן אויך געשלאָסן שידוכים צווישן די אַלטע לייט. ס'האָט אים אונ־

טערגעהויבן און ער האָט זיך אומגעקערט צו די לײדיקע שטובן, וווּ קײנער וואַרט נישט אויף אים.

2.

דאָס אַנדערע ווײב זײדענס, וואָס מ'האָט אים דאָ געשדכנט, האָט זיך גערופן יענטל. זי האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן פאַר אַ ביטרע ייִדענע. ער האָט זיך ערשט דערנאָך דערוווּסט אַז זי האָט שוין באַגראָבן עטלעכע מענער. זי האָט זיך געפּוצט ווי אַ מײדעלע, איז געוואָרן זײער גיך מיט אים הײמיש, אויסגעשטעלט דאָס פּולכנע הענטל מיט אַ שמײכעלע, ער זאָל איר געבן אויף דער הוצאה. ער האָט חלילה נישט געקאַרגט; אָבער איר אײגן קניפּל האָט זי ערגעץ באַהאַלטן פאַר זיך. נאָר טאָמער האָט ער אַמאָל עפּעס אָװעקגעטראָגן פאַר די אײניקלעך, האָט זי מיט שײנע רײדעלעך אים געגעבן אַנצוהערן, אַז ער פאַרטאַכליעוועט צופיל געלט. ער איז געווען אַן אײדעלער ייִד, האָט שטאַרק געליטן דערפון, ס'רוב פאַרשוויגן. אַסור צי ס'איז אים דאָרט געגאַנגען אין די פאַר פראַנק. דערפאַר איז ער מער נישט געווען אַזוי עלנט, געפילט ווי עמיץ דרײט זיך אַרום אין הויז בײ אים. זי איז געווען אַ גוטע באַלעבאָסטע, געקאָכט געשמאַקע געקעכצן, אויסגעוואַשן אים אַ העמד.

ערשט אַנומלטן האָט זיך די יענטל מיט די ראָזע בעקלעך, מיט אַ צוריקגעהאַלטן געלעכטערל, געריכטמט פאַר אַ ייִדענע אין דער ראַגאָווער קאַפּע, פלאָס רעפּובליק:

— זי ווײסן, שרהלע, מען גיט מיר נישט מער ווי אַ יאָר עטלעכע און פערציק...

— כאַפּן זי שנעל צו!... — האָט יענע, מיט אַן ערנסטער מינע כלומרשט, פאַרצויגן דאָס שנעבעלע — ווײל יענער קען נאָך באַלד חרטה האָבן...

— טאָ וואָס־זשע — האָט די יענטל גערעדט אַביסל אומעטיקלעך — וואָס איז שוין דער אויפטו צו בלײבן עלנט ווי אַ שטײן? אַזאַ מזל האָב איך שוין... מ'רעדט מיר, הערט איר, אַ גאַנץ לײטישן מענטש..

— נו, מילא... — האָט יענע, אַ חסידישע טאָכטער פון דער הײם, אַוועקגעמאַכט מיט אַ זויערער נישט פאַרגינערישער מינע — בײ ייִדן האָט מען אַ מאַן, וואָס האָט באַגראָבן עטלעכע ווײבער, גערופן אַ קטלן, און דו ביסט אַפּנים אַ קטלנית.

מ'קען נישט זאָגן, די יענטל איז נאָך געווען אַ גאַנץ סימפּאַטיש ווײבל, צום געפעלן, כאָטש זי איז שוין געווען ווײט איבער די פערציק, מיט אַ שמיצל אַריבער. די בלאָנדע (צוגעפאַרבטע) האָר מיטן שרונט אין דער מיט, האָבן נאָך אָפּגעגעבן מיט אַ לעבעדיקן שימער, הויך אויפגעטורעמט, מיט אַ רויט, חנוודיק סטענגעלע פאַרצויגן. אַזעלכע ייִדישע ווײבלעך מיט אַ פרײלעכן גלאַנץ אין די פויעריש־פאַרבלויטע אויגן, ווי די קאָרנקווייטן, זענען געקומען פון פאַרוואָרפענע, האַלב־דאָרפישע ייִדישע ישובים ערגעץ אין דער אוקראַינע, פון וואַנען זי אַליין האָט טאַקע געשטאַמט. זי האָט זיך אויך געקליידט מיט אַ סך געשמאַק, בפרט אַז דער פראַנק האָט איר נישט אויסגעפעלט. דער לעצטער, האָט מען געשמועסט, האָט איר איבערגעלאָזט אַ היפּשע ירושה. זי איז שוין דאָס אַנדערע יאָר געווען אַן אַלמנה נאָכן פערטן אָדער פינפטן, און זי איז איצט ווידער געשטאַנען אין שידוכים.

מ'האָט זי געהאַט חתונה געמאַכט, נאָך אַ גאַנץ יונג מײדל, מיט אַ פּלײסיקן יונגן מאַן, אַ בעל־מלאכה, פון דערבײאיקן שניאַטין, אַ שטאָט פון טליתים־מאַכער. באַלד איז די מלחמה אויסגעבראָכן, און דער יונגערמאַן, קיין יאָר נישט נאָך דער חתונה, איז מאָביליזירט געוואָרן און — האָט זיך שוין מער קיין מאָל נישט צוריקגעקערט. ס'איז מער ביט געווען קײן ייִדישע שטאָט. די דײטשן און די אוקראַאינישע רוצחים, ימח שמם, האָבן אַלע ייִדן אויסגעקוילעט, לעבן די גריבער הינטערן וועלדל. נאָר זי, יענטל, האָט זיך מיט ניסים אָפּגעראַטעוועט, דווקא צווישן די הײמישע פּויערים, וואָס האָבן זי נאָך געקענט פון קינדווייז. זי איז געלעגן פאַרשטעקט אין אַ סטאַדאָלע, בײ אַ גוי, געוואַלגערט זיך אין גריבער; און ווען די רויטע אַרמײ האָט אין 1944 ענדלעך צוריק אַ שפּאַר געטאָן אין די היגע מקומות, האָט זי זיך מיטגעכאַפּט מיט די רעשטלעך אָפּגעראַטעוועטע ייִדן פון די וועלדער און בונקערס. זײ האָבן דעמאָלט אַלע געצויגן אין די לאַגערן אין דײטשלאַנד.

מילא, פונעם ערשטן מאַן איז אָפּגערעדט, וואָס די ערד דעקט צו ווערט פאַרגעסן. אין די די־פּי־לאַגערן איז זי זיך צונויפגעגאַנגען מיט אַ פלינקן יונגן מאַן אין גלאַנציקע שטיוועלעך. ער האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט און געהאַנדלט מיט אַמעריקאַנער סיגאַרעטן, מיט וואַליוטע. ער האָט דאָרט אָבער אין גיכן אויפגעמאַכט אַ מין נאַכט־באַר אָדער אַ נאַכט־קאַבאַרעט אין מינכען. ר'האָט געמאַכט אַ שיין פאַרמעגן. ער האָט זי אויסגעקליידט, געשטופּט איר געלט אין האַנטבייטל און גערעדט צו איר פון אונטערן קרום פאַרשווירענעם וואָנסעלע:

— יענטלשי, מ'האָט זיי אין דר'ערד די יעקעס. דו הערסט?... כ'על נאָר מאַכן אַ פּאָר גילדן, פאָרן מיר קיין אַמעריקע...

קיין אַמעריקע האָט ער נישט באַוויזן צו פאָרן. ס'איז דאָרט איין מאָל אויסגעבראָכן אַ וויסט געשלעג ביי אים אין נאַכט־באַר איבער אַ מיידל, צווישן די שיכּורע אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, סאָלדאַטן־נעגערס און די לייט פון דער אונטערוועלט. ס'איז געוואָרן אַ שיסעריי, און ווען זיי זענען אַלע אַוועקגעפירט געוואָרן דורך דער מיליטערישער פּאָליציי, איז דער יונגערמאַן אין די גלאַנציקע שטיוועלעך ליגן געבליבן אין אַ קאַלוזשע בלוט. ווען זי איז געקומען צולויפן איז שוין געווען נאָך אַלעמען.

לאַנג האָט זי נישט געוווינט מיט אים, אָבער געלאָזן האָט ער זי ווען זי איז שוין געווען אין די הויכע חדשים. נאָכן אויפשטיין פון קימפּעט האָט זי גענומען דאָס קינד, אַ ייִנגעלע, האָט אַ שפּיי געטאָן אויף די דייטשן, אויף די לאַגערן, און אַריבערגעכאַפּט זיך קיין פּאַריז. מ'האָט דעמאָלט נישט נאָכגעקוקט אַזוי שטאַרק אויף די גרענעצן. ווער ס'האָט זיך אַריבערגעכאַפּט, איז פאַרבליבן.

אויף די געדיכטע, רוישיקע זאַמל־פּונקטן פון די פּליטים אין פּאַריז האָט זיך געקאָכט אַ מאָדנער אַנגעלויף פון צעטומלטע מענטשן. די אינסטיטוציעס האָבן געטיילט שטיצע, אויפגעמאַכט ביליקע קיכן, געהאָלפן מיט וויזעס מעבר לים; אַנדערע זענען גאָר אַוועק מיט די אומלעגאַלע שיפלעך צו די ברעגן פון ארץ ישראל. יענטל האָט זיך אַזוי שטאַרק נישט געניטיקט אין הילף. אין לעצטן מאָמענט האָט זי אָפּגעראַטעוועט ביי דעם יונג מיטן נאַכט־באַר אַ היפּש קניפּל דאָלאַרן, גאָלד־שטיקלעך, רינגלעך. מענטשן וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גיהינום, אַז זיי זיינען נאָר אַרויס מיטן לעבן, האָבן זיך אומעטום אויסגעטויגט.

ס'קינד האָט זיך געהאָדעוועט ביי אַן אַם, אויפן דאָרף, און אַליין איז זי ווידער געשטאַנען אין שידוכים. זי האָט דעם מאַן פון די לאַגערן, ער זאָל איר מוחל זיין, נישט אַזוי שטאַרק באַקלאָגט אויך. מ'קומט צווישן מענטשן, אויף די יזכּור־אָוונטן, אין יידישן טעאַטער, אין דער קאַפע אויפן רעפּובליק, טרעפט מען מענטשן. אַליין איז מען ווי אַן אָפּגעבראָכענער צווייג, זאַלבעצווייט איז פאָרט היימלעכער, אפילו ווען מען זאָגט זיך אַמאָל אַריין אַ שאַרף וואָרט. זי איז נאָך נישט אַזוי אַלט געווען און די ווייבלעך האָבן אַריינגערעדט אין איר:

— יענטל, מ'בלייבט נישט אַליין מיט די פיר ווענט... נאָכן גרויסן בראָך אונדזערן טאָר מען נישט בלייבן עלנט...

ס'האָט זיך דאָס מאָל געשדכנט צו איר אַ גאַנץ פיינער מענטש. ס'ווייב איז אים דעפּאָרטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ טאָכטער. ער איז פון געפאַנגענשאַפט צוריקגעקומען צו אַ ליידיקער שטוב. ער האָט געעפנט אַ געשעפטל פון שניידעריי און ס'איז אים נישט שלעכט געגאַנגען. ער האָט גערעדט צו איר:

— יענטלשי, טו זיך אָן ווי אַ מענטש. זשאַלעווע נישט... מען לעבט נישט אייביק.

זי איז געווען ביי אים אַ קייסערינע. ער האָט פאַרנומען דריי שיינע צימערן, נאָענט צום פּלאַס רעפּובליק. זי האָט זיך אָבער נישט געוואָלט פאַרנעמען בלויז מיט דער ווירטשאַפט. זי האָט געהאַט אַ חוש פאַר געשעפט אויך און האָט דעם מאַן אַרויסגעהאָלפן מיט די היינטיקע מאָדעס, מאָדעשטאָפן. נו, האָט יענער אויך נישט לאַנג אָנגעצויגן. ס'איז זיך צוגעטשעפּעט צו אים „יענע” קרענק, און ער איז שוין מער פון בעט נישט אויפגעשטאַנען. זי האָט געמיינט אַז מיט אים איז זי אין איר לעבן צוגעשווומען צו אַ רואיקן ברעג.

אָבער מיט דעם שטילן, אײדעלן ייִד, מיט דעם זײדענעם, האָט זי זיך מיט אַ מאָל דערפֿילט אומעטיקלעך. ער האָט קײן סך נישט גערעדט, געזעסן פֿאַרטיפֿט איבער ביכלעך. זי האָט זיך אַרײַנגעצויגן צו אים אין זײַן שײנער דירה, אַ קאַרג יאָר נאָך יענעמס אויסגײן. אויף אַלעם איז דאָרט געלעגן אַ שטויב. זי האָט זיך אָבער באַלד געפֿילט הײמיש, פּונקט ווי מיט די פֿרײערדיקע. זי האָט גערוימט, געוואַשן, האָט איבערגעשטעלט די מעבל, האָט זיך גלײַך דערפֿילט ווי אַ באַלעבאָסטע. ס׳איז שוין מיט דער צײַט געוואָרן בײַ איר אַ געוווּנהײט צו באַלעבאַטעווען אין פֿרעמדע הײַזער, צו ליגן אין בעטן, אָנגעזאַפּט מיט פֿרעמדע אַראָמאַטן, פֿון פֿרעמדע פֿרויען, וואָס זי האָט זײ אפֿילו נישט געקענט.

דער זײדען איז געווײנלעך אָונט־צײַט געזעסן פֿאַרטיפֿט אין אַ ביכל, אין אַ ספֿר. זי האָט זיך אײַנגעקוקט פֿון דער זײַט אײנעם אומעטיקלעכן ייִד. ס׳איז געלעגן אויף אים אַן אויסגעליטענע אײדלקײט. זי איז גאָר, דעם אמת געזאָגט, נישט געווינט געווען צו אַזעלכע סאָרט לײַט. פֿון אונטער דער בריל האָט אַרויסגעקוקט זײַן גרויער פֿאַרטראָגענער בליק. לויט זײַן אונטערהוסטן און פֿאַרהאַקטן אָטעם איז ער איר גלײַך עפּעס נישט געפֿעלן געוואָרן. אַ בלוי אָדערל האָט געציטערט איבערן לינקן שלײף, אונטערן טויב־ווײַסן שויבערל. זי האָט אים שוין גאָרנישט געפֿרעגט וועגן זײַן עלטער. די קילע האַנט האָבן בײַ אים אונטערגעציטערט, ווען ער האָט גענומען אַ גלאָז טײ צווישן די פֿינגער.

— איך האָב — האָט ער איר דערצײלט — קינדער, אָבער מ׳איז פֿאָרט אַלײן.

— נו, יאָ — האָט זי זיך אָפּגערופֿן — טאַקע, וואָס קומט דען אַרויס פֿונעם גאַנצן האַוועניש? קינדער... געשעפּטן...

— ווײסט נישט — האָט ער זיך אַזוי ווי פֿאַרענטפֿערט — מענטשן האָבן צוגערעדט, די קינדער אויך — וואָס וועסטו בלײַבן עלנט, אַלײן?...

זי איז ווידער געלעגן אין אַ פֿרעמד בעט, וואָס פֿרעמדע פֿרויען־הענט האָבן באַרירט, אַ פֿרעמדער פֿרויען־גוף האָט אויסגעצערטלט, אויסגעוואַרעמט. בײַנאַכט אין דער פֿינצטער האָט זי אויפֿגעמאַכט אַן אויג, געשטאַרט אין חשכות, נישט געדענקט מער ווי דאָס פֿרעמדע שלאָפֿצימער זעט אויס. געהערט לעבן זיך דאָס שווערע אָטעמען פֿונעם געעלטערטן ייִד, און ס׳האָט זיך אַ מיש געטאָן אין מוח. זי האָט מער נישט געדענקט — וועלכער איז ער? צי דער פֿלינקער יונג פֿון מינכען מיט די גלאַנציקע שטיוועלעך, מיט זײַן נאַכט־באַר? אָדער דער ייִד, דער שנײַדער, וואָס האָט זי אויסגעסטראָיעט אין וויזאָן־פּוטער? אָדער גאָר דער לעצטער, וועלכער האָט אויף לאַנג נישט אָנגעצויגן. יאָ, זי האָט זיך דערמאָנט, ס׳איז דער אײדעלער ייִד, דער זײדען.

זי האָט זיך קוים דערוואַרט אויפֿן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג, איז שטיל אַרונטער, נישט איבערצוּוועקן אים. ער האָט אַ לײַכטן שלאָף. אָנצעצויגן דעם חנוודיקן מאָרגן־ראָק, אָנגעשטעקט די באָרוועסע פּיס אין די ווײַכע שטוב־לעטשלעך, האָט זי נאָך אַ ווײַלע געבלאָנדזשעט אין דער פֿינצטער, ביז זי האָט געפֿונען די טיר צו דער קיך. זי איז אַוועק צוגרײטן די פֿרימאָרגן־קאָפֿע. אַלץ אין קיך איז נאָך געווען אויפֿן אָרט, ווי דאָס פֿאַרשטאָרבענע ווײַב זײַנס האָט געלאָזן. זי איז געווען זעט זיך אַ גוטע באַלעבאָסטע. ס׳האָט באַלד פֿאַרשמעקט מיטן געשמאַקן קאָפֿעאַראָמאַט. זי האָט אים געוואָלט אַרויסווײַזן געטרײַשאַפֿט, ער זאָל זיך פֿילן הײמיש, ווי זײ וואָלטן געווען אַן אַלט פֿאָרפּאָלק, ווי זײ וואָלטן אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן. יעדער אײנער פֿון די מענער מיט זײַנע געוווינהײטן, און זי האָט זיך יעדעס מאָל געמוזט צוגעוווינען צו זײ. יעדער אײנער האָט געוואָלט זען אין איר עפּעס פֿון זײַן פֿריערדיקע ווײַב.

אַלץ איז גרײט געווען אויפֿן טיש, די הײסע מילך, די קאָפֿע, די קאָנפֿיטור, דאָס אָנגעשניטענע ברויט אין קויבערל. אויף דער פּליטקע האָט פֿרײלעך געזידט דער טשײניק. פֿאַרוואָס־זשע פֿאַרזאַמט ער זיך דאָרט עפּעס לענגער ווי געווײנלעך? זי איז צוריק אַרײַן אין האַלב־טונקעלן שלאָףחדר, אַ רגע אײַנגעהאָרכט זיך און מער נישט פֿאַרנומען זײַן שווער אָטעמען. דאָס האַרץ איז איר אַנטפֿאַלן. זי איז צו, אַ פֿאַרשאַר געגעבן דעם פֿאַרהאַנג, אויפֿגע־